בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִידִישׁ

תשפ"ו

447

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי שִׁיקְט מֶען אַ קִינְד אִין חֵדֶר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל?........................א
מֶעג מֶען אַזוֹי אָנְהַאקְן אַ קִינְד?........................................ב
וָואס מֵיינְט זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן?..............................ה
פַאְרוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעלָאזְט צֶעשְׁנַיידְן דֶעם קִינְד?..........................ו
וִוי אַזוֹי שַׁאפְּט מֶען גֶעלְט?..................................................ט
וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גַנָבְ'ט?...................................י
וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ 101 מָאל מִשְׁנַיוֹת?......................יב
זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ?...................................................טו
אוֹיבּ אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה, וָואס מֵיינְט אַן עוֹנֶשׁ?..........................יז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת פַאְר'ן יוֹם הַדִין........................א
סֵפֶר וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים חֵלֶק ג', מַהֲדוּרַת זוּסְמַאן ........................א
הוֹיזְן אִיז אַ פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶוען ........................ב
וָואס מֵיינְסְטוּ, מֶען קֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן?..............................................ג
וָואס מֵיינְט אַ חֵדֶר?...................................................................ד
גֶעעֶנְדִיגְט מִיט וֵויי טוּן קִינְדֶער ........................................................ח
וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן, לֶערְן הַיינְט אַבִּיסְל תּוֹרָה ........................ט

עֶס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט מַיינֶע אַלֶע כּוֹחוֹת .............................. ט

אַן אֹזֶן קַשֶׁבֶת, אַן אוֹיעֶר אוֹיסְצוּהֶערְן .............................. י

אוֹיפְצוּזוּכְן אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע בָחוּרִים אוּן קִינְדֶער .............................. יא

אוֹיךְ כָּשֶׁר'ֶע זַאכְן זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן .............................. יב

זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער .............................. יד

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַזִיקִים .............................. יד

לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַן עֵדֶן .............................. טו

פְּרֶעג נִישְׁט קֵיינֶעם, קוּם קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה .............................. טז

יֶעדֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת .............................. יז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי שִׁיקְט מֶען אַ קִינְד אִין חֵדֶר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר גְּרֵייטְן זִיךְ צוּ שִׁיקְן אוּנְזֶער זוּן אִין חֵדֶר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם נָאךְ דִי יָמִים טוֹבִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוּנְז גֶע'עֵצָה'ט.

אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן אָדֶער טוּן בֶּעפָאר מֶען שִׁיקְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קִינְד אִין חֵדֶר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען שִׁיקְט אַרַיין אַ קִינְד אִין חֵדֶר - דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיי דִי גְלִיקְלִיכֶע צֵייט אַז מֶען הָאט אַ קִינְד, אַ גֶעזוּנְט קִינְד - וָואס גֵייט שׁוֹין אִין חֵדֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דַארְף לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אוֹיפְהֶער.

צְוֵייטְנְס דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן ווִיסְן אַז צָאלְן שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ חִיּוּב גָּמוּר, דוּרְךְ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה וָואס לִיגְט אוֹיף דֶער טַאטֶע

פון (דְּבָרִים ו, ז): "וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ", אַ טַאטֶע דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער; שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קֵיין צְדָקָה, און מֶען קֶען דָאס נִישְׁט צָאלְן פוּן מַעֲשֵׂר גֶעלְט (רְמָ"א בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ"ט, סְעִיף א; שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה פֶּרֶק א, סְעִיף ז), און חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען צָאלְט נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד - שַׁאט דָאס פַאר דִי קִינְדֶער.

דְרִיטְנְס, עֶס אִיז כְּדַאי צוּ זַיין פַארְבִּינְדְן מִיטְן מְלַמֵּד און מְנַהֵל, אַרְבֶּעטְן אִינָאֵיינֶעם; וַוייל דָאס אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם אִיז אַ גָאר גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פַאר דִי קִינְדֶער.

וְעַל כּוּלָם אִיז תְּפִילָה; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְן קִינְד אַז עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר זָאל לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, און לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. וַוייל בַּיי אַנְדֶערֶע זַאכְן קֶען מֶען מַאכְן סְגוּלוֹת וְכוּ', אָבֶּער זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער - אִיז דֶער עִיקָר - תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן. אַזוֹי וְוִי מוֹהֲרַאְ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער צַדִּיק גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט און דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד און אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### מֶעג מֶען אַזוֹי אָנְהַאקְן אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, און עֶס אִיז יֶעצְט פָארְגֶעקוּמֶען אַ מַעֲשֶׂה אִין מַיין קְלַאס, און אִיךְ וויל עֶס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן

דאָוועגען אינדערפרי מִיט אַ רואִיגקֵייט, אִינמִיטן קוּמט דער מנהל אַריין צוזאַמען מִיט אַ אִינגל פון די קלאַס, עס שפּריצט פייער פון זיינע אויגן און נאָז, און ער רופט אויס אַז דער אִינגל (פון זיבן יאָר אַלט) האָט אָנגעוואָרפן אַיינעם אַז ער וועט אִים אָפּהאַקן די הענט, וויל ער יעצט וויזן פאַר יעדן, און טאַקע אויף דעם אִינגל'ס האַנט, וואָס עס מיינט אָפּהאַקן אַ האַנט.

ער גִיבט אַ שלעפּ דעם אִינגל'ס האַנט און נעמט זיך האַקן ווי מִיט אַ מעסער מִיט כַּעַס און כֹּחַ, דער אִינגל האָט זיך גענומען אַזוי צו וויינען, און ער איז נאָכאַלץ נישט געווען צופרידן און ער זאָגט: "יעצט גִיב מִיר דיין אַנדערע האַנט", און ער האַקט אַריין אִין די קליינע דאַרע הענטעלעך, און אַזוי איז ער געגאַנגען צוריק צום אַנדערן האַנט, אַזוינע זאַכן וואָס אֲפִילוּ פאַר אַן ערוואַקסענעם וואָלט עס שטאַרק וויי געטון, איך האָב מַמָּשׁ נִישט געקענט קוקן אויפן מנהל, מען טאָר דאָך נִישט קוקן אִין פְּנֵי פון אַיינעם וואָס איז אִין כַּעַס (סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן תתשכ"ו).

מיין שְׁאֵלָה איז צי איך מעג אַרויסווייזן דַוְקָא אַן אָפענע אַהֲבָה צו דעם אִינגל, אֲפִילוּ ווען אַנדערע קינדער באַמערקן אַז איך גִיב אִים מער פון יעדן; מער קאַרטעלעך וְכַדּוֹמֶה? און וואָס דאַרף איך בִּכְלָל טון אִין אַזעלכע צייטן, איך מעג דאָס דערציילן פאַר די עלטערן? עס איז ליידער נִישט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האַלט אַזוינס מִיט.

יִישַׁר כֹּחַ פאַר אַלע שִׁיעוּרִים בִּיז אַהער, עס גִיבט מִיר אַ קלאָרקייט און אַ רואִיגקֵייט אִינעם טאָג.

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דִי שׁוּידֶערְלִיכֶע בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֶעבְּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט פַאר דֶעם קִינְד, אוּן אַוַדַאי זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט; דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן ווִיסְן יֶעדֶע רִיר וָואס טוּט זִיךְ אִין חֶדֶר מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, ווַייל דִי סָארְט מַעֲשִׂיוֹת זֶענֶען גּוֹרֵם אַז דִי יוּגְנְט גֵייט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, ווַייל אַנְשְׁטָאט מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער - טוּט מֶען זֵיי צֶערַייסְן זֵייעֶר נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה.

בַּיי אַזַא מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט, וֶוען אַ קִינְד קוּמְט דֶערְצֵיילְן פַארְן מְנַהֵל אַז אַ צְוֵוייטֶע קִינְד הָאט אִים דֶערְשְׁרָאקְן אַז עֶר גֵייט אִים אָפְּהַאקְן דִי הֶענְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - דַארְף דֶער מְנַהֵל עֶרְשְׁט בַּארוּאִיגְן דֶעם קִינְד, אִים זָאגְן: "קֵיינֶער הַאקְט נִישְׁט אָפּ קֵיין הֶענְט, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן מִיט אַ צֶעלָאזְטֶע שְׁפְּרַאךְ, יֶעדֶע וָוארְט אִיז 'אִיךְ גֵיי דִיךְ הַרְגֶ'עֶנֶען, אִיךְ גֵיי דִיךְ בַּאמַקְלֶ'עֶן דִי בֵּיינֶער וְכוּ', מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן"; אוּן דֶער מְנַהֵל דַארְף נֶעמֶען דֶעם אַנְדֶערְן קִינְד אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען: "פַארְוָואס סְטְרַאשֶׁעסְטוּ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער? פַארְוָואס וַוארְפְּסְטוּ אַ פַּחַד? אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט דִיךְ בַּאעֲוָלֶה'ט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט אַזוֹי", אוּן אַז מֶען זֶעט אַז דֶער קִינְד טוּט וַוייטֶער דִי זַאכְן - גֶעבְּט מֶען אִים אַ קְנַס, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן בַּיי הַפְסָקָה וְכַדוֹמֶה לָזֶה, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם טוּן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין חִינוּךְ, דָאס אִיז אַכְזָרִיּוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, קוּק אוֹיף דִי קִינְדֶער ווִי זֵיי זֶענֶען דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, קוּק אוֹיף זֵיי מִיט רַחְמָנוּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ"; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט פְּשַׁט, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁבַח, אַז מֶען זָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: 'דַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַזוֹי ווִי דַיינֶע קִינְדֶער', נָאר דָאס אִיז אַ הִתְחַיְּיבוּת, מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן אִים עֶר זָאל צוּגֵיין צוּם קִינְד אוּן טְרַאכְטְן: 'דָאס אִיז מַיין קִינְד, אוּן אַז מַיין קִינְד פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט רִיכְטִיג וָואלְט אִיךְ אִים צֶעבְרָאכְן זַיינֶע הֶענְט?' וֶוער וָואלְט אַזוֹינְס גֶעטוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?!

גֶעבּ דֶעם קִינְד אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, גֶעבּ אִים אַ גְלֶעט, וֶועט זַיין נֶפֶשׁ פַארְהֵיילְט וֶוערְן; גֶעבּ אִים אַ שְׁמֵייכֶל, וֶועט מֶען קֶענֶען רַאטֶעוֶוען זַיין עָתִיד. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פְלֶעגְט עֶר גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער, עֶר פְלֶעגְט זֵיי קוּשְׁן אוּן לִיבּ הָאבְּן, אוּן דִי חִידוּשׁ אִיז, אַז נִישְׁט נָאר דִי קִינְדֶער וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּ צוּם סִיסְטֶעם הָאט עֶר גֶעקוּשְׁט אוּן לִיבּ גֶעהַאט, דִי חִידוּשׁ אִיז אַז עֶר הָאט גֶעקוּשְׁט דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, דִי קִינְדֶער וָואס

הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זֵיי אַלֶע אוֹיסְגֶעהֵיילְט זֵייעֶר נֶפֶשׁ אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### וָואס מֵיינְט זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס מֵיינְט דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: "אוֹיב מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - פּוֹעֶלְ'ט מֶען", וָואס אִיז דִי גֶדֶר פוּן זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז מְחַזֵק זַיין מִיר זָאלְן זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן בַּיים צִיוּן; דָאס מֵיינְט נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן בַּיים צִיוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז טוּן אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט, עַקְשְׁנְ׳עֶן מֵיינְט: מֶען קוּמְט צוּרִיק צוּם צִיוּן נָאכְאַמָאל אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק צוּם צִיוּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי וִוי אַ פֶּגַע רַע וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים, עֶר הַאלְט אִין אֵיין קוּמֶען וְכוּ׳; דָאס מֵיינְט זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן.

אוֹיךְ מֵיינְט עֶס מֶען זָאל שְׁטַארְק בֶּעטְן, אָבֶּער חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן אַז עֶס מוּז אַזוֹי זַיין. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצו), אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ׳עַקְשְׁנְ׳עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, ״רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים״, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, ״אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, און אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז אוֹיךְ גוּט, און דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", אַז 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פון 'גְזֵילָה', "הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ", דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פון מַאךְ נִישְׁט דַיין דַאוֶוענֶען פַּאר אַ קֶבַע, בֶּעט אַ מַתְּנַת חִינָם, זָאג נִישְׁט עֶס מוּז אַזוֹי זַיין; וַוייל וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן - טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל.

וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ זֶען און פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין בַּיים צִיּוּן יֶעדְן טָאג; דִי טָאג וָואס דוּ קוּמְסְט אָן, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און אוֹיב דוּ קוּמְסְט פְּרִיעֶר און דוּ גֵייסְט אַהֵיים שְׁפֶּעטֶער - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גֵיין צוּם צִיּוּן יֶעדְן טָאג, און בֶּעטְן בַּיים צִיּוּן דוּ זָאלְסְט פּוֹעֵל'ן וָואס דוּ דַארְפְּסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעלָאזְט צֶעשְׁנַיידְן דֶעם קִינְד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד אִין חֵדֶר מִיט אַ קִינְד וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, תַּלְמִידִים פון מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פון זַיינֶע נָאנְטֶע חֲבֵרִים.

אִיךְ גֶעדֶענְק אִים אַלְס אַ גוּט קִינְד, מִיט אַבִּיסְל אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ אִין לֶערְנֶען, אָבֶּער מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, עֶר פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, עֶר הָאט דוּרְכְגֶעזָאגְט מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא מִיט הִתְלַהֲבוּת, און יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא הָאט זַיין מַאמֶע גֶעשִׁיקְט אַ טָארְט אִין חֵדֶר לִכְבוֹד דִי סִיּוּם.

אָבֶער אַנְשְׁטָאט דֶער מְלַמֵד זָאל אִים מְחַזֵק זַיין, זֶענֶען זַיינֶע סִיוּמִים גֶעוָוארְן אַ קְוָואל פוּן גֶעשְׁפֶּעט אוּן חוֹזֵק, דֶער מְלַמֵד פְלֶעגְט אִים פַארְשֶׁעמֶען, זָאגְנְדִיג: "דוּ לֵיינְסְט גְמָרָא אוּן דוּ מַאכְסְט אַ סִיוּם", אוּן דִי קִינְדֶער פְלֶעגְן אִים בַּאזִינְגֶען מִיט חוֹזֵק טֶענֶער אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ קֶען נִיטְאַמָאל שְׁרַייבְּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זַיין חַבֵר, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען פַאר אִים, אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט בַּאשִׁיצְט. אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ קִינְד, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען ווִי גְרוֹיס אִיז דִי כֹּחַ פוּן לֵיצָנוּת, אֶפְשָׁר אִין יֶענֶע מוֹסָד הָאט מֶען גֶעהַאלְטְן פוּן פַארְשֶׁעמֶען... אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי טִיף אַ וָוארְט קֶען אַרַיינְגֵיין אִינֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַ קִינְד; הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ, אוּן עֶס רַייסְט מִיר דָאס הַארְץ.

אִינְמִיטְן כִּתָּה ח' אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן פוּן חֵדֶר, אוּן מֶער הָאט מֶען נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אִים.

פַאר פִיר יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אִים נָאכְאַמָאל בַּאגֶעגְנְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, עֶר הָאט מִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּן גֶעהַאלְזְט, אָבֶער דָאס קִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, נֶעבֶּעךְ אָן אַ קַאפְּל אוּן אָן פֵּיאוֹת. זַייט דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל פַאר אִים, אוּן אִיךְ טוֹבֵל זִיךְ אִין מִקְוֶה לִזְכוּתוֹ.

וָואס דַארְף אִיךְ מְתַקֵן זַיין? דַארְף אִיךְ עֶפֶּעס מְקַבֵּל זַיין אוֹיף מִיר? מֶער מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים? דַארְף אִיךְ אַ תִּיקוּן אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען פַאר אִים אוּן אִים נִישְׁט בַּאשִׁיצְט? אֶפְשָׁר וֶוען אִיךְ וָואלְט דֶעמָאלְט גֶעהַאט שֵׂכֶל וָואלְט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, דוּ לֶערְנְסְט, דוּ שְׁטְרֶענְגְסְט זִיךְ אָן, דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶכְתּוֹת, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן", דִי וֵוייטָאג טְרָאג אִיךְ מִיט מִיר בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה, דִי סָארְט מַעֲשִׂיוֹת ווִי אַ מְלַמֵד מִיט קִינְדֶער הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן אַ קִינְד דוּרְךְ אִים טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען - דָאס שְׁנַיידְט אַרַיין אִין הַארְץ; ווִי קֶען זַיין אַז אַ טַאטֶע שִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ מְלַמֵד עֶר זָאל אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוֹיפְהֵייבְּן,

און דַיְקָא דֶער מְלַמֵד אִיז גוֹרֵם עֶר זָאל אָפְּלָאזְן זַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט; וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? וִוי מֶעג אַזַא אֵיינֶער זַיין אַ מְלַמֵד? לָאמִיר זָאגְן דֶער מְלַמֵד אִיז גֶערֶעכְט, וָואס זָאל דֶער קִינְד טוּן וֶוען אִין שְׁטוּבּ הֶערְט עֶר אֵיין סָארְט מַהֲלָךְ און אִין חֵדֶר הֶערְט עֶר אַ צְוֵוייטֶע סָארְט מַהֲלָךְ, וָואס קֶען עֶר טוּן? 'דָאס אִיז מַיין טַאטֶע, וִוי מֶעג מֶען אַוֶועק מַאכְן מַיין טַאטֶע?' דָאס הַרְגְ'עֶט אִים זַיין נֶפֶשׁ אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ פַארֶעכְטְן, זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. תְּפִילָה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, תְּפִילָה אִיז שְׁטֶערְקֶער וִוי שֵׂכֶל, וִוי טֶבַע, וִוי פַאקְטְן וְכוּ' וְכוּ'; תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי עֵצָה.

דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי דִי מַעֲשֶׂה בַּיי ר' נַפְתָּלִי אַ תַּלְמִיד בַּיים רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג, פְלֶעגְט עֶר דַאוֶועֶנען אַז דֶער קִינְד זָאל שְׁטַארְבְּן; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי זַיין זוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט אִידִישׁ, וְכַךְ הֲוָה, דֶער קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן פָארְגֶעהַאלְטְן: "וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּן", וַוייל אַז מֶען בֶּעט פַאר אַ קִינְד, קָרוֹב אָדֶער חַבֵר זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן - פּוֹעֶל'ט מֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר מְלַמְדִים און מְחַנְּכִים וְכַדוֹמֶה - דִי קוּנְטְרֵסִים און סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן עֵצוֹת און חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, עֵצוֹת און הַדְרָכָה פַאר מְלַמְדִים און מְחַנְּכִים, וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער, און אַז אַ קִינְד קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוִויסֶע מִנְהָגִים אָדֶער אַ גֶעוִויסֶע דֶרֶךְ - זָאל דֶער מְלַמֵד דָאס שֶׁעצְן, און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָפְּלַאכְן, און אַז דִי עֶלְטֶערְן פוּנֶעם קִינְד זֶענֶען אִינְטֶערֶעסַאנְט - דַארְפְן דִי מְלַמְדִים און מְחַנְּכִים וְכַדוֹמֶה - שְׁטֵיין עַל הַמִּשְׁמָר און בַּאשִׁיצְן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען אוֹיף דֶעם קִינְד כְּחֵץ לְמַטָּרָה.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן הֶערְלִיכֶע סְפָרִים און הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים, אוֹיךְ קוּמְט אַרוֹיס כְּסֵדֶר פְרִישֶׁע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים און גִלְיוֹנוֹת; וואויל אִיז

דֶעם וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

## ווִי אַזוֹי שַׁאפְט מֶען גֶעלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט גֶעלְט, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעהַאט אַן עֶקְסִידֶענְט, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַ צְוֵוייטֶער קַאר, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל עֶפֶּעס פוּן מִיר.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן? וָואס דַארְף אִיךְ פַארְרֶעכְטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן חֵלֶק א', סִימָן צז): "מִי שֶׁאֵין לוֹ פַּרְנָסָה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, "יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וְאַחַר כָּךְ יִתְפַּלֵּל עַל פַּרְנָסָה", אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר דַאוֶונֶען אוֹיף פַּרְנָסָה, "בְּוַדַּאי יִתְקַבֵּל תְּפִילָּתוֹ", וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא וַהֲלָכָה, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מַאכְן אַ נֵס אוּן גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

נָאךְ אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כט), אַז זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה.

נָאךְ אַ סְגוּלָה אִיז דָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן נִישְׁט קֵיין גוֹי. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שָׁם, סִימָן מז): "הַשִּׂמְחָה תְּמִידִית מְסוּגָּל לְהַצְלָחָה", זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז מְסוּגָּל פַאר הַצְלָחָה, אוּן פַארְקֶערְט, (שָׁם, סִימָן פט): "הָעַצְבוּת", זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, "מַפְסִיד הַפַּרְנָסָה", מַאכְט שָׁאדְן דִי פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גַנְבְ'ט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס ווִיפִיל מֶען זָאגְט אִים, נֶעמְט עֶר אַלְץ אַוֶועק זַאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אִינְגְל, אָדֶער אֲפִילוּ פוּנֶעם מְלַמֵּד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי גְנֵיבָה דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען, ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גְּנֵיבָה וּגְזֵילָה, סִימָן א): "מִי שֶׁנִּפְתָּה לָבוֹ לִגְזוֹל וְכֵיוָן שֶׁהִתִּיר לְעַצְמוֹ גְּזֵילַת חֲבֵירוֹ, הֲרֵי הוּא מוּכָן לְכָל חֵטְא וְעָוֹן, וְאֵין תַּקָּנָה לַהֲסִירוֹ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה", וֶוער עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגְעדְט גֶעוָוארְן צוּ גַנְבְ'עֶנֶען, אֵיינְמָאל עֶר פַאלְט אִין דֶעם, עֶר הֵייבְּט אָן גַנְבְ'עֶנֶען - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין וֶועג אִים צוּ פַארְרֶעכְטְן.

אָבֶּער חַס וְחָלִילָה פַארְשֶׁעמֶען, שְׁלָאגְן אָדֶער מַשְׁפִּיל זַיין, נָאר אִים מְחַנֵּךְ

זַיין, אִים זָאגְן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן גְנֵיבָה, אוּן אַז מֶען קֶען בַּיים סוֹף אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה; אוּן אַז מֶען זֶעט אַז מֶען פוֹעֶל'ט נִישְׁט - גֶעבְּט מֶען אַ קְנַס פוּן נִישְׁט גֵיין שְׁפִּילְן בַּיי הַפְסָקָה וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען אוּן גֶעבְּן אַ צוּנָאמֶען 'גַנָב'; דָאס מַאכְט נִישְׁט בֶּעסֶער, דָאס מַאכְט נָאר מֶען זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן (בְּרֵאשִׁית א, א): "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ", דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ, פְרֶעגְט רַשִׁ"י, פַארְוָואס הֵייבְּט מֶען נִישְׁט אָן מִיט דִי מִצְווֹת? מִיט "הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים"? נָאר וִויבַּאלְד דִי גוֹיִם טַעְנָה'ן אַז מִיר זֶענֶען גַנָבִים, מִיר הָאבְּן גֶעגַנְבְ'עֶט אֶרֶץ כְּנַעַן, זָאגְט דִי תּוֹרָה מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין גַנָבִים, דִי וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן, עֶר הָאט עֶרְשְׁט גֶעגֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר דִי פֶעלְקֶער אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר עֶס אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן זֵיי אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן; מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז דָא דֶער עֶנְטְפֶער אַז מֶען הֵייבְּט נִישְׁט אָן דִי תּוֹרָה מִיט דִי תַּרְיַ"ג מִצְווֹת ווַייל וְכוּ', דָאס קֶען מֶען זָאגְן שְׁפֶּעטֶער, אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאלַאנְגְט פַאר דִי אִידְן; דִי תּוֹרָה זָאל זִיךְ אָנְהֵייבְּן מִיט אַלֶע מִצְווֹת אוּן עֶרְגֶעץ אִינְמִיטְן אָדֶער בַּיים סוֹף זָאל שְׁטֵיין דִי רַאַיָ' אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין גַנָבִים?

נָאר אַז מֶען ווִיל לֶערְנֶען מִיט אַ אִיד תּוֹרָה אוּן מֶען בַּאטִיטְלְט אִים 'גַנָב' - אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, ווַייל עֶר אִיז בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט, עֶר קוּקְט זִיךְ אָן ווִי אַ שְׁלֶעכְטֶער; דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אַ פָאלְק וָואס מֶען בַּאטִיטְלְט זֵיי גַנָבִים, פַארְבְּרֶעכֶער, מֶען מוּז עֶרְשְׁט אָפְּווִישְׁן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעפִיל אוּן דִי טַעֲנָה וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען גַנָבִים, פַארְבְּרֶעכֶער, אַז דָאס אִיז נִישְׁט וָואר; יֶעצְט קֶען מֶען לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן "הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים", אַז דוּ זָאגְסְט אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גַנָב, דוּ קוּקְסְט גוּט אוֹיף מִיר - בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ הֶערְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַז דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע קַאפְּל, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קנו:), דִי שְׁטֶערְן זֶעעֶר הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי נַחְמָן בַּר יִצְחָק אַז זִי גֵייט

הָאבְּן אַ קִינְד אַ גַנָב, הָאט דִי מַאמֶע אִים גֶעמַאכְט אַ קַאפְּל, זִי הָאט דָאס אָנְגֶעטוּן פַארְן קִינְד אוּן אִים אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל אַלְץ גֵיין מִיט דֶעם, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אֵיינְמָאל אִיז אִים דִי קַאפְּל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיז עֶר גְלַייך גֶעלָאפְן גַנְבְ'עֶנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ 101 מָאל מִשְׁנַיוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ ה' מְסַיֵים גֶעוֶוען שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם 101'טֶע מָאל, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֵיינְט דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין עֶרְשְׁטֶע סִיוּם אוּם יו"ט שָׁבוּעוֹת תשע"ז [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר מִיר מַאכְן לֶערְנֶען, אוּן מִיךְ צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מִשְׁנַיוֹת, אוּן צוּ נָאךְ אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע זַאכְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר בִּיטֶע שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו מִיט חִיזוּק אוֹיף וַוייטֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

... לָאנְדָאן

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

"אַשְׁרֵי מִי שֶׁבָּא לְכַאן וְתַלְמוּדוֹ בְּיָדוֹ" (פְּסָחִים נ.), וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד; ווִי קֶען זַיין עֶפֶּעס שֶׁענֶערְס פוּן דֶעם, פוּן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן אַזוֹיפִיל מָאל מִשְׁנַיוֹת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת; אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חֲגִיגָה ט:) אוֹיפְן פָּסוּק (מַלְאָכִי ג, יח): "'וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע, בֵּין עֹבֵד אֱלֹקִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ', אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס לֶערְנְט אַ פֶּרֶק הוּנְדֶערְט מָאל צוּ דֶער וָואס לֶערְנְט אַ פֶּרֶק הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן זִיכֶער דֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אַלֶע זֶעקְס סְדָרִים, דִי גַאנְצֶע מִשְׁנַיוֹת - הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען צוּ תַּלְמוּד בַּבְלִי, עֶנְדִיגְן שַׁ"ס תַּלְמוּד בַּבְלִי מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד; דָאס זֶעט אֶפְשָׁר אוֹיס ווִי אַ גוּזְמָא, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאווַייזְן; אוֹיב מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

לִיבֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחָנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ

יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ״, וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִשְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ד סִיוָן, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי מִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן ׳שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה׳; דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ״א זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת: ״אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנִיּוֹת אֵינוֹ מֵנִיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם״, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווִילְן אִים אַרַיין שְׁלֶעפְּן אִין גֵיהִנּוֹם, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן שְׁרֵייעֶן צוּ אַלֶע צַדִּיקִים, עֶר שְׁרֵייט: ״אַבְרָהָם אָבִינוּ רַאטֶעוֶועט מִיךְ, יִצְחָק אָבִינוּ רַאטֶעוֶועט מִיךְ, יַעֲקֹב אָבִינוּ רַאטֶעוֶועט מִיךְ״, אָבֶּער קֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט אִים נִשְׁט; נָאכְדֶעם שְׁרֵייט עֶר: ״רְאוּבֵן, שִׁמְעוֹן, לֵוִי״, בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב. אָשֵׁר פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנִיּוֹת, אוֹיבּ עֶנְטְפֶערְט עֶר ׳יָא׳, נֶעמְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַן עֵדֶן; דֶער חִידָ״א טַייטְשׁ מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״, ׳שְׁמֵנָה׳ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ׳מִשְׁנָה׳, ״וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ״, אוּן עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן גַן עֵדֶן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנִיּוֹת.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דַיין הַארְץ, אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים נִשְׁט; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״אַתָּה עֲשֵׂה טוֹב, וַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת, וּכְשֶׁתַּעֲסֹק

וְתַתְמִיד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲזַי הַטּוֹב יִשָּׁאֵר, וְהָרַע מִמֵּילָא יִתְבַּטֵּל" - דו טו גוּטְס, און דָאס שְׁלֶעכְטְס וֶועט פון זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק גֵיין (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז).

ווִי זִיס און ווִי גֶעשְׁמַאק אִיז, וֶוען מֶען זִיצְט מִיט אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְּמָרָא, און מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) און מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זֵייעֶר אַ זִיס לֶעבְּן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, און טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים".

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים, און דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און מִיט דִי תּוֹרָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פון דַיינֶע קִינְדֶער, און מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים].

...

## זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִינְדֶערְהֵיים און עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ טַעְנֶה'רֵיי צְווִישְׁן מִיר און מַיין וַוייבּ, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס וֶועט זַיין אוֹם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס פון שׁוּל זֵייעֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אִין זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מוּט, און אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דֶעם שֵׁיינֶעם וֶועכֶנְטְלִיכְן קוּנְטְרֵס "אֵשֶׁת עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי", אִין וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹי שֵׁיין שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט דָארְט אַז מִיט אַ וַוייבּ טַעְנָה'ט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען גֶעבְּט נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, און אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין און דָאס טַאקֶע קֶענֶען בַּאוַוייזְן,

און בָּרוּךְ ה' אַז אִין דֶעם זְכוּת הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶעם שַׁבָּת. שְׁכּׂחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און שְׁכּׂחַ ראש יְשִׁיבָה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

דָאס הָאט מוֹהֲרַ"ש אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ און קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט דִי וַוייבּ, אוֹיךְ מִיט אַנְדֶערֶע אִיז אַ נארִישְׁקֵייט צוּ מַאכְן אַ וִיכּוּחַ, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ טַעְנָה'ן, וִיכּוּחִים אִיז בִּיטוּל זְמַן, און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטוֹישְׁט אַ צְוֵוייטְנ'ס דֵעָה דוּרְךְ וִיכּוּחִים, און זִיכֶער נִישְׁט מִיט אַ וַוייבּ; מִיט אַ וַוייבּ טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן וִיכּוּחִים, עֶס קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען צוּקוּמֶען אִיר צוּ מַאכְן וֵויינֶען, און אַז דִי וַוייבּ וֵויינְט אִיז דָאס אַ סַכָּנָה פַארְן מַאן (עַיֵּן כְּתוּבּוֹת סב:).

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וֶועגְן וִוי אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דַיין וַוייבּ, אִיר אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גוּטֶע זַאכְן און אִיר דֶערְצֵיילְן זַאכְן וָואס מַאכְט אִיר פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט טַעְנָה'ן, מִיר זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין מִיט כָּבוֹד און עֲהָרֶע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.), אַז רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, און אֲפִילוּ זִי הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא אִיר אַלְץ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט גוּטֶע זַאכְן וָואס זִי הָאט לִיבּ, און רַב הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר דִי גוּטֶע זַאכְן, זִי טוּט דָאךְ דִיר שְׁטֶענְדִיג וֵויי? הָאט רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", און זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אויב אַלֶעס איז נָאר לְטוֹבָה, וָואס מֵיינְט אַן עוֹנֶשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין אַלֶע עִנְיָנִים, עֶס זֶענֶען בָּרוּךְ ה' דָא אַסַאךְ רַבָּנִים, מִיר דַארְשְׁטְן אָבֶער צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מִיר בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק פוּן דִי דְרָשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה אִיבֶער דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן וְכוּ', אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען אַ נֵס בְּתוֹךְ נֵס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהִיטְן אוֹיף אוּנְז, אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶס זִיכֶער נָאר צוּם גוּטְן.

וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶער נִישְׁט אִיז ווִי אַזוֹי דָאס גֵייט צוּזַאמֶען מִיט דֶעם וָואס מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז (י"ג עִקָּרִים): "גּוֹמֵל טוֹב לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו וּמַעֲנִישׁ לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שְׂכַר פַאר דִי וָואס טוּעֶן מִצְוֹת, אוּן גֶעבְּט אַן עוֹנֶשׁ פַאר דִי וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת; ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? פוּן אֵיין זַייט גְלֵייבּ אִיךְ דָאךְ אַז אַלֶעס אִיז זִיכֶער פַאר מַיין טוֹבָה וֶועגְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוען קוּמְט אַרַיין צוּ טְרַאכְטְן אַז דָאס אִיז אֶפְשָׁר אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף עֶפֶּעס, דָאס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט דוּרְכְגֵיין, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז לְטוֹבָה, הֵייסְט דָאס נִישְׁט קֵיין עוֹנֶשׁ? ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ בִּכְלַל בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיבּ עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה?

אוֹיךְ דָאס וָואס מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אַז עֶס אִיז אַ זְכוּת צוּ הֶעלְפְן פַאר אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה אָנְצוּקוּמֶען צוּם תִּיקוּן, עֶס אִיז אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, ווִיל אִיךְ אָבֶער נִישְׁט הָאבְּן נָאכְאַמָאל אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת; וָואס קֶען אִיךְ טוּן אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, דִי יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן, אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוֹיךְ אִין אוּנְזֶערֶע פְּשׁוּטְ'עֶ אוֹיגְן? ווַייל בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס אֵייבִּיג נָאר גוּטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'**

**דִי זַאכְן פוּן פַארְלִירְן וְכוּ' - קֶענֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; דִי זַאכְן אִיז**

פַארְהוֹילְן פוּן אוּנְז, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מִיר קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט - דַארְפְן מִיר גְלֵייבְן אַז אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי זַאכְן הָאבְּן צוּטוּן מִיט נְשָׁמוֹת אוּן גִלְגוּלִים וְכוּ'.

טְרַאכְטְס נִישְׁט אַזוֹיפִיל אַרַיין אִין דִי זַאכְן, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ אַרַיינְגְרָאבְּן טִיף אִין דִי זַאכְן, מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ"; מֶען זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב), דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דֶער שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת פַּאר׳ן יוֹם הַדִין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

...

דָאס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת פַּארְן יוֹם הַדִין, אוּן וֶוען מֶען וֶועט מִשְׁפָּטְ׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּיפּוּרִים, מֶען וֶועט לֵייגְן אַלֶעס אוֹיפְן וָואגְשָׁאל, וֶועט מֶען לֵייגְן בַּיי דִיר אוֹיךְ אַלֶע מִצְוֹות וּמַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן דִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס וֶוערְן נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה פוּן דִי סְפָרִים, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

**סֵפֶר וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים חֵלֶק ג׳, מַהֲדוּרַת זוּסְמַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אָשֵׁר לֶעמִיל נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט מִיר יֶעצְט בַּאוִויזְן דִי נֵייעֶ חֵלֶק ״וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים - חֵלֶק ג׳״, אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי זְכוּת, ״מַהֲדוּרַת זוּסְמַאן״.

ווִי גְרוֹיס אִיז דַיין זְכוּת, וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק בָּזֶה, אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק בַּבָּא, אוּן דִי אַלֶע מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן עֶלְטֶערְן וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר, וֶועלְן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן דִי תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת; וֶועט דָאס אַלֶעס גֵיין אוֹיף דַיין נָאמֶען, דוּ וֶועסְט עֶסְן דִי שְׂכַר בָּזֶה וּבַבָּא.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הוֹיזְן אִיז אַ פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶוען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הוֹיזְן אִיז אַ פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי, אוֹיךְ בַּיינַאכְט וֶוען מֶען שְׁלָאפְט - אִיז הוֹיזְן פְּרִיצוּת, זָאלְט אִיר זִיךְ קוֹיפְן אַ נַאכְט קְלֵייד; ווִי אַזוֹי וֶועלְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אַייךְ גֶעדֶענְקֶען? אַ מַאמֶע מִיט הוֹיזְן?!

מַאכְט גְרֵייט אַייעֶר שְׁטוּבּ אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל דָארְט וֶועלְן אַרַיינְקוּמֶען.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים, פַאר אַלֶע גֶענַאדֶע - וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ; מוֹהֲרַנַ״ת זָאגְט: ״וֶוען מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִין הִימְל פַאר דִי מַלְאָכִים: ׳קוּקְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר דַאנְקְט מִיר אוּן עֶר לוֹיבְּט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן אַזוֹיפִיל גוּטְס, אַסַאךְ מֶער ווִיפִיל עֶר הָאט, אַסַאךְ מֶער ווִיפִיל עֶס קוּמְט אִים, עֶר זָאל מִיר נָאךְ מֶער דַאנְקֶען׳״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וָואס מֵיינְסְטוּ, מֶען קֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ חֵלֶק אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה אוּן זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וִויל אָבֶּער דוּ זָאלְסְט זַיין אֱמֶת'דִיג מִיט מִיר, אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דַיין וַוייבּ קוּמְט מִיט אִיר גוּטֶע ווִילְן, אָדֶער דוּ הָאסְט אִיר בַּאצְוואוּנְגֶען, וַוייל אֵיינֶער גָאר נָאנְט צוּ דִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דַיין וַוייבּ קוּמְט נִישְׁט מִיט אִיר גוּטֶע וִוילְן, דֶערִיבֶּער פְּרֶעג אִיךְ דִיר וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה, וַוייל אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דִי וֶועג פוּן בַּאצְוִוינְגֶען - פְּלַאצְט עֶס שְׁפֶּעטֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אִין וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן? דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה, אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען, אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט בְּסוֹד פַאר מוֹהֲרַנַ"ת אַז עֶר גֵייט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד צוּלִיבּ זַיינֶע חוֹבוֹת, הָאט אִים מוֹהֲרַנַ"ת גֶעזָאגְט: "וָואס מֵיינְסְטוּ, מֶען קֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן? בַּיים סוֹף וֶועט מֶען דָארְט אוֹיךְ וִויסְן דִי מַעֲשֶׂה, אַז דוּ הָאסְט חוֹבוֹת, מֶען וֶועט זִיךְ דָארְט פוּן דִיר אוֹיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען"; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז דוּ וִוילְסְט אַנְטְלוֹיפְן - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה".

אוֹיבּ מֶען וִויל קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: בָּארְג מֶער נִישְׁט קֵיין אֵיין דָאלֶער, אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן גֶעלְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן זָאלְן דִיר הֶעלְפְן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם בָּארְגְן. צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְטוּ רוּפְן אַלֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, זֵיי אִיבֶּער בֶּעטְן, אוּן זֵיי זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט זֵיי אַלֶע בַּאצָאלְן אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ זָאלְסְטוּ אַלֶעמֶען בַּאצָאלְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דִי זַאךְ, אִיךְ וִויל דִיךְ נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְּן חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ וִויל נִישְׁט דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶס חַס וְשָׁלוֹם פְּלַאצְן.

מֶען קֶען פוּן אִיבֶּערָאל לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ זָאגְן אַז נָאר אִין אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, אַ אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז מֶען טְרָאגְט אִים אָן אַ שִׁידוּךְ, דֶער שִׁידוּךְ אַלֵיין גֶעפֶעלְט אִים זֵייעֶר, אָבֶּער הֱיוֹת עֶר דַארְף גֵיין וואוֹינֶען דָארְט וְכוּ' - וְוִיל עֶר נִישְׁט דֶעם שִׁידוּךְ, ווַייל עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען דָארְט דָאס פְּלַאץ, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלט): מֶען קֶען אִין יֶעדֶע פְּלַאץ גֶעפִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וָואס מֵיינְט אַ חֵדֶר?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יוֹסְל סַאקְס נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶער מְנַהֵל יִצְחָק זָאל דִיר הֶעלְפְן; אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דִיר הֶעלְפְן, אִיךְ הָאבּ אִים נָאר גֶעזָאגְט אַז דָאס פָארְן יֶעדְן טָאג; אֵיין טָאג קַיין טְבֶרְיָה, אֵיין טָאג קַיין בְּנֵי בְּרַק אוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ וְכוּ' - דָאס פֶּעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער הִילְף מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער נֶעמֶען פוּן אִים.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס וֶועט אוֹיפְפְלַאמֶען זֵייעֶר הַארְץ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "וֶועלְכֶע מוּסָר סְפָרִים?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "נִישְׁט דָאס מַיין

איך צו פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט מוּסָר, צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ״; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים פַייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן וֶוען עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק; בִּפְרַט אַז מֶען פַארְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים פַאר קִינְדֶער הָאט דָאס אַ שְׁטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיפְן קִינְד, וַוייל וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

מַיין נִישְׁט אַז מֶען הָאט וֵוייניג קִינְדֶער - אִיז דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וֵוייניגֶער חָשׁוּב, אוּן מַיין נִישְׁט אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׁיינֶעם בִּנְיָן - אִיז עֶפֶּעס וֵוייניגֶער מִיט דִי חֶדֶר; אַ חֵדֶר אִיז נִישְׁט וִויפִיל קִינְדֶער לֶערְנֶען דָארְט, אוּן נִישְׁט דֶעם שֵׁיינֶעם בִּנְיָן; אַ חֵדֶר מֵיינְט אֵיין זַאךְ, אַ מְלַמֵּד זִיצְט מִיט קִינְדֶער אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶערְצֵייל זֵיי וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט אַלְס קִינְד זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, וַוייל דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, פֵיגָא - הָאט גֶע׳יַרְשְׁ׳נְט דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע - דִי צַדֶּקֶת אָדֶל, דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס טָאכְטֶער, וָואס זִי הָאט גֶע׳יַרְשְׁ׳נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דֶעם הוֹיז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְן קוּמֶען קֵיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיּוּן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיינְגֵיין

אִינֶעם הוֹיז פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי צַייטְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן זַיין בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל דֶעמָאלְט, אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דִי צַדִיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט בִּשְׁעַת זִי הָאט גֶעבוֹירְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן זִי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט - כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס טַאטֶע.

אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב - אַלְט זַייעֶנְדִיג פִינְף יָאר - גֶעוָוארְן אַ קַיילֶעכִיגֶער יָתוֹם, אוּן אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטְנ'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: **"יִשְׂרָאלִיק! זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר"**, אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, אוּן וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּיז אֵיינְמָאל שְׁפַּאצִירְט עֶר אִין פֶעלְד אוּן זִינְגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, אוּן דֶער אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיין אִין וַואלְד?" רוּפְט זִיךְ יִשְׂרָאלִיק אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'ע פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה' אֶת

הָאָרֶץ״, (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי זָאגְן, אַזוֹי ווִי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִּינְסְטֶערְנִישׁ, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי ווִי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט), אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן טִיפֵּשׁ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): ״יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן״, אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט ווִי מֶען פַארְצֵיילְט אִין זַיין הוֹיז וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל. גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: ״גֶעוַואלְד! אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק?״ אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ׳ וְכוּ׳״**, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אִין פִּיר וָואכְן וֶועלְן מִיר זִיךְ זֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## גֶעעֶנְדִיגְט מִיט וַויי טוּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**ר' מָרְדְּכַי נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וְויל נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל, אִיךְ הֶער פוּן דִי קִינְדֶער אוּן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען שְׁלָאגְט קִינְדֶער; אִיךְ וְויל נָאכְאַמָאל קְלָארְשְׁטֶעלְן אַז אִיךְ אַסֶר אָנְצוּרִירְן דִי קִינְדֶער בַּיי מִיר אִין מוֹסָד, דִי מוֹסָד אִיז מוֹהֲרָא"שׁ'ס מוֹסָד אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז אַ מְלַמֵד וָואס שְׁלָאגְט אַ קִינְד - זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט, עֶר זָאל צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן בַּיים וַוארְפְן דִי מִיסְט קַאנֶעס.

אִיךְ בִּין הַיינְט פַּארְטָאגְס גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועְן מִיט בְּכִיּוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּ אִיךְ דָא מִיט דִי חֵדֶר? אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַ חֵדֶר וואוּ מֶען שְׁלָאגְט, אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן מִיט אַ פַּיינְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער מְנַהֵל הֶעלְף מִיר, אוּן עֶנְטְפֶער מִיר, זָאג מִיר צוּ אַז עֶס אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט פֶּעטְשׁ, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט וַויי טוּן קִינְדֶער; אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ הַאלְטְן דִי קִינְדֶער אָן מְלַמְדִים, זֵיי זָאלְן טַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג, וִוי זֵיי זָאלְן צוּ'מַזִיקְ'ט וֶוערְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען מִיט דִי מְלַמְדִים אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ - דַארְפְן זֵיי דִיךְ רוּפְן, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ דַארְפְסְט גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ - זָאלְסְטוּ מִיךְ רוּפְן; דָאס קֶען נִישְׁט גֵיין וִוי עֶס גֵייט בִּיז אַהֶער, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִישְׁט רוּאִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וואָרְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן, לֶערְן הַיינְט אַבִּיסְל תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אוּן דוּ נִיצְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

זֶע עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְכַאפְּן לֶערְנֶען אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, נֶעם מִיט דִיר אַ זֶעקְל סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, מִיט אַ תְּהִילִים'ל; וואוּ דוּ גֵייסְט זָאלְסְטוּ דָאס מִיט דִיר מִיטְנֶעמֶען, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען.

זָאג נִישְׁט 'מָארְגְן', טְרַאכְט נִישְׁט: 'קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען'; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): "שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה", קֶען זַיין אַז דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועסְטוּ זַיין פַארְנוּמֶען; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ח): "לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", נִישְׁט דֶער וָואס אִיז הַיינְט פְרֵיילִיךְ - וֶועט מָארְגְן זַיין פְרֵיילִיךְ; וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס דֶער מָארְגְן וֶועט זַיין?

מַאךְ יֶעצְט אוֹיף אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן זַיי גוֹרֵס אַ פֶּרֶק, אוּן מַאךְ יֶעצְט אוֹיף דִי גְמָרָא, לֶערְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## עֶס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט מַיינֶע אַלֶע כּוֹחוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעכְטְן רֶעדְן מִיט עֶנְק, אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, מֶען הָאט מִיךְ גֶערוּפְן פוּן אִינְגְל קֶעמְפּ

אַז מֶען הָאט גֶעזֶען אַ קִינְד אַרַיינְלוֹיפְן אִין וַואלְד אוּן מֶען זוּכְט אִים שׁוֹין אַפָּאר שָׁעָה אוּן מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט פוּן אִים.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט פוּן נָאךְ שַׁחֲרִית בִּיז שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט תְּפִלָּה אוּן תְּשׁוּבָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם קִינְד, אוּן אוֹיךְ נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט מַיינֶע אַלֶע כּוֹחוֹת.

...

אַן אֵזֶן קַשֶּׁבֶת, אַן אוֹיעֶר אוֹיסְצוּהֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, עֶנְקֶער בֶּעבִּי וֵויינְט טָאג אוּן נַאכְט אָן אוֹיפְהֶער - זָאלְסְטוּ זִיךְ מֶער קָאנְצֶענְטְרִירְן אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר אוֹיסְרֶעדְן; דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי צַייט וָואס עֶנְק גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

דֶער עִיקָר וָואס אַ מַאן דַארְף גֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ - אִיז אַן אֵזֶן קַשֶּׁבֶת, אַן אוֹיעֶר אוֹיסְצוּהֶערְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע וָוארְט פוּן הָרַב ר׳ יִצְחָק שְׁלִיטָ״א, דֶער מַאן אִיז זִיךְ מְחַיֵּיב אִין דִי כְּתוּבָּה: ״וַאֲנָא אֶפְלַח וְאֵיזוֹן וַאֲפַרְנֵס יָתִיכִי״, אִיךְ וֶועל דִיךְ שְׁפַּייזְן, וָואס אִיז דִי דָאפְּלְטֶע לָשׁוֹן, ׳אֵיזוֹן וַאֲפַרְנֵס׳? זָאגְט עֶר, ׳אֵיזוֹן׳ אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן אֹזֶן קַשֶּׁבֶת; סַיי גֶעבְּן שְׁפַּייז, אוּן סַיי גֶעבְּן דִי אוֹיעֶר אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן.

הַעִיקָר שְׁטַארְק דִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, דַאנְקְט אִינְאֵיינֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים אַז עֶנְק הָאבְּן אַ מִשְׁפָּחָה, אוּן פַאר אַלֶע חֲסָדִים; דָאס דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אוּיפְצוּזוּכְן אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו

לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גָאר שְׁוֶוערֶע טָאג וֶוען מֶען הָאט מִיךְ גֶערוּפְן פוּן חֵדֶר אַז אַ קִינְד פֶעלְט, אוּן מֶען הָאט לְכַתְּחִילָה גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז פַארְלוֹירְן אִין וַואלְד; אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶענוּמֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע שָׁעוֹת.

בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי מַעֲשֶׂה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן גוּט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, וָואס דַארְף אִיךְ מְתַקֵּן זַיין, וָואס ווִיל מֶען פוּן מִיר? אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין מַחֲשָׁבָה אַז אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין אוּיפְצוּזוּכְן אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן אִין וַואלְד, זֵייעֶר קֶערְפֶּער אִיז נִישְׁט אִין וַואלְד, אָבֶּער זֵייעֶר נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה אִיז פַארְלוֹירְן, קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף זֵיי, קֵיינֶער גֶעבְּט זֵיי נִישְׁט קֵיין גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אוּיפְזוּכְן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער וָואס שְׁטֵייעֶן זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִיר, זָאלְסְט שְׁמֵייכְלֶען צוּ זֵיי אוּן זֵיי גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, נֶעם זֵיי אַרוֹיס פוּן וַואלְד.

נֶעכְטְן פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אוּנְזֶער חֵדֶר, יְשִׁיבָה אוּן בֵּית פֵּיגָא, צוּ הָאבְּן גוּטֶע מְלַמְּדִים, גוּטֶע טִיטְשֶׁערְס, אוּן וַוארֶעמֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### אוֹיךְ כָּשֶׁר'עֶ זַאכְן זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**.... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ דַאוֶונְסְט, אָבֶער אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ נָאךְ בַּיי דִיר פּוֹעֵלְ'ן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן קֵיין מָאוִּיס אוּן נִישְׁט קֵיין פְּלֶעִיס; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וַוארְף אַוֶועק אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט, אוֹיךְ כָּשֶׁר'עֶ זַאכְן זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן, וַוייל דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, צוּ פַארְנַארְן אוּן פַארְכַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ עֲבֹד עֲבוֹדָה זָרָה" (שַׁבָּת קה:), עֶרְשְׁט זָאגְט עֶר: "טוּ נָאר דָאס", שְׁפֶּעטֶער - "טוּ נָאר יֶענְץ", בִּיז עֶר זָאגְט אִים אַלֶעס אָפְּצוּלָאזְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אוּן דָאס אִיז בַּיי קוּקְן, עֶרְשְׁט רֶעדְט עֶר צוּ נָאר צוּ קוּקְן קְלִיפְּס פוּן עֶדְוֶוערְטֵייזְמֶענְטְס, שְׁפֶּעטֶער רֶעדְט עֶר צוּ מֶען זָאל קוּקְן פְּלֶעִיס אוּן כָּשֶׁר'עֶ אִינְטֶערְטֶעינְמֶענְט, בִּיז עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין קוּקְן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער הַארְצִיגֶער חָבֵר, אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט קְלִיפְּס אוּן מָאוִּיס פוּן עֲבֵירוֹת - פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לא), אֱמוּנָה אוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית גֵייעֶן צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט עֲבֵירוֹת פַאלְט עֶר אַרָאפּ אוּן עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, אוּן אָן אֱמוּנָה אִיז מֶען אַ גֶעשְׁלָאגֶענֶער, דִי לֶעבְּן וֶוערְט פַארְטִינְקֶלְט, אוּן דָאס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת,

דִמְיוֹנוֹת און פְּחָדִים; פְרֶעג אִיךְ דִיר, וָואס ווילְסְטוּ אִין לֶעבְּן, ווילְסְט זִיךְ מוּטְשֶׁען דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אָדֶער דוּ ווילְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן?

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת און תְּפִילָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ קוּקְן קֵיין עֲבֵירוֹת, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קֵיין מָאוִויס, אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קֵיין עֲבֵירוֹת. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ קוּקְן מָאוִויס, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶעצְן פוּן דֶעם! אִיךְ וֵוייס דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט דֶערְפוּן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, דָאךְ אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער; ווִיפִּיל אִיךְ מַאךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט קוּקְן - פַאל אִיךְ אַרַיין טִיפֶער און טִיפֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רֵיינְקֵייט, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ הֵיילִיגְקֵייט; לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים, גֶעבּ מִיר אַ נֵייעֶ הַארְץ, וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי, בַּאנֵיי אִין מִיר אַ נֵייעֶ ווילְן, אַ נֵייעֶ גֵייסְט - אִיךְ זָאל זִיךְ עֶקְלֶען פוּן קוּקְן מָאוִויס. עֲנֵנוּ ה' עֲנֵנוּ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶנְטְפֶער מִיר, נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט. הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וּבִזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגֹאֲלִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לְכָבוֹד אַייעֶר זִיבֶּעצְנְסְטֶע גֶעבּוּרְטְס טָאג זָאלְט אִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן פוּן אוֹיסְנְוֶוייְנִיג, וַוייל וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט פוּן אוֹיסֶעוְנֶווייְנִיג קֶען מֶען אוֹיסְלָאזְן פוּן דִי נוּסָח וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען, אוּן מוֹהֲרַ״אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן דַוְקָא אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, אוּן מוֹהֲרַ״אשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָּה פַאר עֲשִׁירוּת, אוּן דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֶוייְנִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַזִּיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, דַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ״ס, יֶעצְט הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ״ס אִיז זוֹכֶה צוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים״.

הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל שַׁ״ס אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא בִּיז

דו וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אוּן דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַזִּיקִים וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רי"ד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית'", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלַן, תַּלְמוּ"ד בַּאטְרֶעפְט פִיר הוּנְדֶערְט אוּן אַכְצִיג, אוּן דִי קְלִיפָּה לִילִי"ת בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ פִיר הוּנְדֶערְט אוּן אַכְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

גֶעב אַ גְרוּס פַאר דַיין טַייעֶרֶע טַאטֶע.

אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַּן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין סִיּוּם שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן אַז אַ קִינְד פוּן צְוֶועלְף יָאר זָאל הָאבְן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ צַדִּיק, אוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְן זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תַּלְמוּד בַּבְלִי, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס זִיסֶערְס,

נִישְׁטָא עֶפֶּעס גֶעשְׁמַאקֶערְס ווי לֶערְנֶען גְמָרָא; אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ חַיּוּת, דִי לֶעבְּן וֶוערְט לִיכְטִיג אוּן גֶעשְׁמַאק.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ ווִי עֶר זֶעט דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים, גֶעבְּט עֶר זֵיי אַ פְּרֶעג: "זָאגְט מִיר, וואוּ אִיז דֶער גַן עֵדֶן? אִיךְ ווִיל גֵיין צוּם גַן עֵדֶן", עֶנְטְפֶערְט אִים אַ תַּנָא: "דֶער גַן עֵדֶן אִיז דָא"; ווַייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַן עֵדֶן.

גֶעב אַ גְרִיס פַאר דַיין טַייעֶרֶע טַאטֶע.

אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## פְּרֶעג נִישְׁט קֵיינֶעם, קוּם קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פְּרֶעג נִישְׁט קֵיינֶעם וֶועגְן פָארְן קַיין אוּמַאן, טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; גְרֵייט אָן אַ טִיקֶעט, אַ פַּאסְפָּארְט - אוּן קוּם קַיין אוּמַאן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר עֶטְס - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענֶען תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה

...

**יֶעדֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ', דָאס וָואס דוּ בִּיסְט מִיט אַזוֹיפִיל בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת; אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אַזוֹי מוּז זַיין, דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט אַרִיבֶּער יֶעדְן טָאג בִּלְבּוּלִים מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ' וְכוּ', אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אִיז עֶר אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, אוּן עוֹלָם הַדִּמְיוֹנוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער, אִים מְבַלְבֵּל

צוּ זַיין מִיט כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אוּן כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, אִים מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן וְכוּ' אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ וְכוּ', וַוייל וֶוען רֶבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, רֶבִּי יוּדְל הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ מְרַחֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִּיק, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַרַיין צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן. נָאךְ דְרֵיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אֵיינְהַאלְטְן פוּן זֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ מוּז אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן', דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס רֶבִּי יוּדְל גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי יוּדְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֱמֶת דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער שֶׁקֶר מִתְגַּבֵּר אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן שֶׁקֶר, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דֶעם שֶׁקֶר וֶוערְט פוּן 'שֶׁקֶר' - 'קֶשֶׁר'", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דוּ וֶועסְט שׁוֹין בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּ מִיר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאמִיר מַאכְן פוּן שֶׁקֶ"ר - אַ קֶשֶׁ"ר שֶׁל קַיָּימָא נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס אִיז מְרַחֵק זָאל מֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק בַּיים רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל א, ד): "וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמֹד בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ", דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ דֶער צַדִּיק אַלֵיינְס קְרִיגְט אוֹיף אִים, דָאךְ גֵייט עֶר נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִּיק (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַאר קִינְדֶער

### פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רָב?

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעשִׁיקְט מִיט אַ שְׁלִיחוּת עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם רָב, רֶבִּי אַהֲרֹן, דֶער רָב אִין בְּרֶסְלֶב.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רָב אִיז עֶר אַרִיבֶּער בַּיים שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין פֶּענְסְטֶער, הָאט עֶר גֶעזֶען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, דֶער רָב זִיצְט בַּיי אַ טִישׁ פוּל מִיט סְפָרִים, אוּן עֶר וֵויינְט; עֶס רִינֶען אוֹיף זַיינֶע בַּאקְן טְרֶערֶעלֶעךְ...

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט: 'וָואס וֵויינְט יֶעצְט דֶער רָב? עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, וָואס בֶּעט עֶר יֶעצְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' רֶבִּי נָתָן בֵּייגְט צוּ זַיינֶע אוֹיעֶרְן, אוּן עֶר הֶערְט וִוי דֶער רָב בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל לֶעבְּן



״הֵײלִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַײן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״.

מִיט תַּכְלִית, אִיךְ וִויל אַלְץ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר! אִיךְ וִויל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר!״

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: ״נָתָן, וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען בַּיים רַב?״ זָאגְט רֶבִּי נָתָן: ״אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם רַב וֵויינֶען״, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: ״יָא יָא! טַאקֶע דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּם רַב, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט וַוייזְן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז דֶער וֶועג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז דוּרְךְ שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֵויינֶען צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, לָאמִיר אַלֶע צוּזַאמֶען אָנְהֵייבְּן צוּ זִינְגֶען: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף! אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״.

# מהדורת איצקאוויטש

**הספר הקדוש הזה נתנדב על ידי**

מוה"ר **מנשה הלוי איצקאוויטש** הי"ו

וזוגתו **חי' שבע** תחי'

**וילדיהם**

**שמואל דוד, ישראל יוסף, רוזא בלומא,**
**פייגא, צבי דוב, אברהם קלונימוס.**

לרגל שמחת הבר מצוה של בנם ישראל יוסף, ושמחת האפשערן של בנם אברהם קלונימוס.

**ולע"נ**
**אביו ר' צבי דוב ב"ר אברהם משה הלוי ז"ל**
**ת.נ.צ.ב.ה**

**הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,**
**ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא**

**וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן**
**וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון**